מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ.י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn. N.Y. 11213

HYacinth 3-9250


ב״ה, ערב שבת־קודש פ׳ כי תבוא אל הארץ,
ערב ח״י אלול, ה׳תשמ״ג,
ברוקלין, נ.י.

אל כל בני ובנות ישראל
בכל מקום שהם,
ה׳ עליהם יחיו

שלום וברכה !

די לעצטע צוועלף טעג פון יאָר, פון ח״י אלול ביז ראש־השנה, זיינען, ווי באַוואוסט, ספּעציעל געווידמעט צו חשבון־הנפש פאַר די אַלע צוועלף חדשים פון דעם אַוועקגייענדן יאָר, יום לחודש, און צו אַ פאַרשטאַרקטער צוגרייטונג צום נייעם יאָר, הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה ולברכה.

דאָס מיינט, קודם כל, אַ טיפערע אַריינטראַכטונג אין דער באַדייטונג פון ראש־השנה, און אין די אָפּלערנונגען דערפון –

וואָס די ערשטע און אַלגעמיינע נקודה אין דעם איז, אַז ראש־השנה איז דער טאָג פון הכתרה – ״קרוינונג״ – פון דעם בורא־עולם (שתמליכוני עליכם), צוזאַמען מיט קבלת עול מלכותו – ואח״כ, און גלייך נאָכדעם נעמען אויף זיך עול מצוות, די מצוות פון דעם מלך ישראל, מלך העולם (קבלו גזירותי).

★ ★ ★

אין צוגאָב צו די אַלגעמיינע הוראות פון ראש־השנה, און אין אַ אופן פון מעשה בפועל, וואָרום המעשה הוא העיקר, קומען־צו יעדן יאָר ספּעציעלע לערנונגען וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער קביעות – די טעג פון וואָך ווען דער ראש־השנה קומט אויס, די סדרה פון דער וואָך אד״ג.

הײַ־יאָר זיינען די טעג פון ראש־השנה: דאָנערשטיק און פרייטיק (ערב שבת), וואָס פירן באַלד גלייך אַריין אין דעם טאָג פון שבת־קודש.

דאָס אונטערשטרייכט, אַז די הכתרה און קבלת־עול מצוות וואָס אידן טוען און זיינען מכריז וועגן דעם בקול רם און מיט תקיעת שופר וכו׳, און נעמען אויף זיך דורכצופירן דאָס אַלעס בפועל אין יעדן טאָג און אין אַלע טעג פון דעם נייעם יאָר, דאַרפן זיך אויסדריקן אין אַן אופן וואָס נעמט אַריין אַלע ענינים לפרטיהם פון דער טאָג־טעגליכער הנהגה, און פאַרוואַנדלט זיי אַלע, אויך די עניני רשות – אין קדושה ומצוה.

אין אַיינפאַכע ווערטער: אַז אַלע טעטיקייטן (מעשה, דיבור, מחשבה) פון טאָג־טעגליכן לעבן – אויך עסן, טרינקען, שלאָפן, אד״ג – אין וועלכע, אויפן ערשטן בליק, אידן טיילן זיך ניט אויס פון ניט־אידן, דאַרפן אויך די דאָזיקע ענינים באַ אידן – דערהויבן ווערן צו קדושה ומצוה, על־דרך ווי בשבת־קודש ווערן די ענינים דערהויבן צו דער מדריגה פון מצות עונג שבת און קדושת שבת;

וואָס די דערהויבונג פון די עניני רשות און זייער פאַרוואַנדלונג אין עניני קדושה באַשטייט אין דעם וואָס זיי ווערן געטאָן לשם שמים, בכדי מקיים צו זיין דעם אני נבראתי לשמש את קוני (איך בין באַשאַפן געוואָרן צו באַדינען מיין באַשעפער) און נאָכמער און העכער – בכל דרכיך דעהו, צו פאַרשפּרייטן ג־טלעכקייט אין דער וועלט, און מאַכן די גשמיות׳דיקע און אפילו די חומריות׳דיקע וועלט אַ פּאַסנדע (געלייטערטע און געהייליקטע) דירה לו יתברך.

★ ★ ★

מער בפרטיות: די הנהגה פון אַ מענטשן לויט דעם רצון פון בורא־עולם – באַשטייט אין צוויי קווים: קום ועשה (וואָס מ׳מעג און מ׳דאַרף טאָן) און שב ואל תעשה (וואָס מ׳טאָר ניט טאָן).

צום ביישפּיל: אַ סתם עסן און טרינקען אין די וואָכן־טעג – איז עס צו באַפרידיקן זיין הונגער און דורשט; בשבת ווערט עס כדי לשמש את קוני מיט און דורך דער מצות עונג שבת,

זיין פרנסה־עסק אין־דער־וואָכן (אקערן און זייען, מסחר א.ז.וו.) שטעלט עס צו זיין הוצאה און הוצאות בני ביתו; זיין שייכות צו דעם (צו עסק הפרנסה) בשבת וואָס באַשטייט אין אל תעשה (ניט אַקערן א.ז.וו.) ווערט עס – לשמש את קוני מיט און דורך מצות לא־תעשה – לא תעשה כל מלאכה; עס ווערט נאָך בולט׳ער אונטערשטראָכן מיט דעם, וואָס ניט בלויז די ל״ט מלאכות, מיט זייערע אָפּצווייגונגען, זענען שטריינג פאַרבאָטן, נאָר אויך ענינים פון ״וואָכעדיקייט״ אין מעשה ואפילו אין דיבור, זיינען אויך פאַרבאָטן.

דעריבער, וויבאַלד אַז לויט דער קביעות פון הײַנטיקן יאָר פירט ראש־השנה גלייך אַריין אין שבת, ווערט דער מיט נאָך מער אונטערשטראָכן, אַז די הכתרה און קבלת־עול מצוות וואָס אידן נעמען אויף זיך אין די טעג פון ראש־השנה, און וואָס באַשטימען ווי די הנהגה דאַרף זיין גאַנץ יאָר – שליסן איין אַלעס, אַלע ענינים, אויך עניני רשות, אין די קווים פון עשה אָדער לא־תעשה, מיט דער פעסטער החלטה צו דערהויבן אַלע ענינים צו מצוה און קדושה.

און אַריינטראַכטנדיק זיך אין דעם גרויסן זכות פון לשמש את קוני ובפרט אויף דעם אופן, מוז דאָס אַרויסרופן אַ טיפן געפיל פון שמחה און אינערליכן תענוג (פאַרגעניגן) – בדוגמת ״עונג שבת״.

★ ★ ★

ויהי רצון, אַז די אויבנדערמאָנטע אַריינטראַכטונגען און די אַלע נאָכפאָלגענדע החלטות, ביז אין דעם עיקר – מעשה בפועל, זאָלן דורכגעפירט ווערן אין די אַלע טעג, און אין יעדן טאָג פון שנה הבאה, כדבעי ובשלימות – ובמיוחד אַז עס איז אַ "שנה־שלימה" – אויך אין דעם זין פון האָבן אַ חודש העיבור,

און אַזוי ווי שבת איז מיני' מתברכין כולי יומי – דער קוואַל פון ברכות פאַר אַלע טעג פון דער וואָך – זאָל דאָס צוגעבן ג־טלעכע ברכות און כוחות מקיים־צו־זיין בפועל דאָס אַלעס אויבנדערמאָנטע, און אין דער פולסטער מאָס –

אַז די השפעה פון ראש־השנה – "קאָפּ" פון יאָר – זאָל זיך פילן אין דער פולסטער מאָס אין אַלע אַנדערע "איברים" – טעג, וואָכן און חדשים – פון יאָר; פונקט ווי די קאָפּ אַנטהאַלט אַלע וויכטיקסטע חושים און נערוון וואָס קאָנטראָלירן און פירן־אָן מיט אַלע טיילן פון קערפּער, זיי זאָלן זיך אויפפירן ווי עס באַדאַרף־צו־זיין,

ביז צו הנהגה פון לשמש את קוני אין פולסטער שלימות, וואָס דעמאָלט ווערט מקויים ווערן קונו, זיין פאַרלאַנג און וואונטש: אני אמרתי אלקים אתם ובני עליון כולכם (איך האָב געזאָגט־געהאָפט אַז איר וועט זיין ווי מלאכים).

און אַלע גוטע החלטות וועלן נאָכמער צוגעבן אין דעם אויבערשטנ׳ס ברכות בכלל און – די ראש־השנה ברכה בפרט: אויפנעמען, ובחסד וברחמים, די הכתרה און די תפילות און תקיעות־שופר פון אַלע אידן, און וועט יעדן איינעם און איינע געבן אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות גם יחד,

ובמיוחד די ברכה צו וועלכער "קוינו כל היום" (מען האָפט יעדן טאָג, דעם גאַנצן טאָג) – גאולה אמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו.

בכבוד ובברכת כתיבה וחתימה טובה ולהצלחה

מנחם שניאורסאהן

---

ערב שבת קודש: שהוכפל בו כי טוב (חזקוני עה"פ בראשית א, לא. וראה רמב"ן שם), ובפעם הב׳ – "טוב מאד". וראה שיחת ש"פ עקב שנה זו.

שבת קודש . . ח"י אלול: יום הולדת את שני המאורות הגדולים: הבעש"ט (בשנת נח"ת) ורבנו הזקן (בשנת קה"ת) – ספר השיחות תש"ג ע׳ 141 ואילך. וראה לעיל [לקו"ש חכ"ד] ע׳ 177 ואילך, ובהנסמן שם. ולהעיר, אשר רשב"י (ות"ח בכלל) איקרי שבת (זח"ג קמד, ב. שם כט, א. וראה שבת קיט, א).

כי תבוא . . ח"י אלול: להעיר מתורות הבעש"ט בפסוקי ריש פרשת תבוא שנאמרו בש"פ תבוא ח"י אלול (כהקביעות דשנה זו) תרנ"ב ("היום יום " ח"י אלול. כתר שם טוב (הוצאת קה"ת) הוספות ס"ג). ביאור תורה הראשונה – ראה גם לעיל שם ע׳ 183 ואילך. וראה או"ח להה"מ (הוצאת קה"ת) ר"פ תבוא (נו, א ואילך).

ערב ח"י אלול: זמן ההכנה לח"י אלול, ע"ד מרז"ל מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת (ע"ז ג, א).

די לעצטע צוועלף טעג פון יאָר . . יום לחודש: ספר השיחות תש"ג ע׳ 177. שם ע׳ 179.

אלול . . חשבון־הנפש: סה"מ אידיש ע׳ 75. שם ע׳ 129. וראה לקוטי מהרי"ל הל׳ ימים הנוראים. ל"ת להאריז"ל עה"פ (תצא כא, יג) ובכתה גו׳ ירח ימים (וראה גם אוה"ת נ"ך כרך ב ס"ע א׳נ ובשוה"ג שם). טור או"ח ר"ס תקפא.

אַלגעמיינע נקודה . . ראש־השנה . . הכתרה: כדמוכח מהבקשה בכל תפלות ר"ה (משא"כ זכרונות ושופרות) מלוך על העולם, והחתימה (וכן בקידוש) מלך על כל הארץ. ובפרש"י (במחזור וויטרי) דאומרים המלך הקדוש (ולהעיר שזהו גם בערבית הראשונה) לפי שאמר הקב"ה תמליכוני עליכם בר"ה כדכתיב (אמור כג, כב) אני ה׳ אלקיכם וסמיך לי׳ (שם, כד) בחודש הז׳.

שתמליכוני עליכם: ר"ה טז, א. לד, ב.

קבלת עול מלכותו – ואח"כ . . עול מצוות: ראה גם ברכות יג, א (במשנה): למה קדמה פרשת שמע לוהי׳ אם שמוע כדי שיקבל עליו עול מלכות שמים תחלה ואח"כ מקבל עליו עול מצוות כו׳. וראה סה"מ תרכ"ו ע׳ קמח.

קבלת עול מלכותו – ואח"כ . . קבלו גזירותי: מכילתא (ויל"ש) עה"פ יתרו כ, ג. פרש"י עה"פ אחרי יח, ב. ד"ה יו"ט של ר"ה תרס"ה בתחלתו. תש"ג פ"ג.

המעשה הוא העיקר: אבות פ"א מי"ז.

ספעציעלע לערנונגען . . פאַרבונדן מיט דער קביעות: ובמכ"ש מהוראת הבעש"ט שכל דבר ששומע או רואה הוא הוראת הנהגה בעבודת השם – כש"ט הוספות אות קכז־קכט. וש"נ.

די סדרה פון דער וואָך: ההוראה מפרשת השבוע – בהמכתב דמוצש"ק כ"ה אלול (נדפס להלן ע׳ 626 [בלקו"ש חכ"ד]).

הכתרה . . מיט תקיעת שופר: להעיר, אשר תק"ש, שהיא "מצות היום" (ר"ה כו, ב), "הענין הראשון" שבזה הוא שאז "אנו ממליכין עלינו את הבורא" – רס"ג, הובא באבודרהם בטעמי התקיעות. וראה סידור האריז"ל, פע"ח וכו׳ בענין ר"ה.

בקול רם: ראה קונטרס ומעין מאמר י"א פ"א־ב.

תקיעת שופר: להעיר מב׳ המשלים שבענין תק"ש – הובאו בהמשך וככה תרל"ז פ"ע. וראה ד"ה אדון עולם דיום ב׳ דר"ה תשמ"ג [סה"מ מלוקט ח"א ע׳ תכט].

אין אַיינפאַכע ווערטער: בהבא לעיל ראה גם מכתב ו׳ תשרי תשל"ט (לקו"ש חי"ט ע׳ 594).

עסן, טרינקען, שלאָפן, אד"ג ... דערהויבן ווערן צו קדושה ומצוה: ראה רמב"ם הל׳ דעות רפ"ה. שם ספ"ג. וראה אגרות־קודש אדמו"ר מוהריי"ץ ח"ב מכ׳ תצב (ע׳ רסה). ד"ה ויקרא את שמו שת, ה׳ש"ת (קונט׳ מאמרים – אידיש – ה׳ש"ת ע׳ ו [סה"מ ה׳ת"ש ע׳ עז׳ ואילך]). "היום יום" כ"ז אלול. ולהעיר מעיקרים מ"ג פ"א. קונטרס ומעין פ"ג. ספר השיחות תו"ש ע׳ 243.

שלאָפן . . מצות עונג שבת: ראה לקו"ש חי"ב ע׳ 254 ובהערות שם.

אויפן ערשטן בליק . . ניט־אידן: להעיר מתניא פמ"ט (ע, רע"א): "הגוף החומרי הנדמה בחומריותו לגופי אומות העולם".

מצות עונג שבת: כמ"ש (ישעי׳ נח, יג) "וקראת לשבת עונג". וראה רמב"ם הל׳ שבת פ"ל ה"א. שו"ע אדה"ז ריש הלכות שבת. וש"נ. לקו"ת צו יא, ד. המשך וככה תרל"ז פ"ה ואילך, ועוד.

לשם שמים . . בכל דרכיך דעהו: אבות פ"ב מי"ב. משלי ג, ו (ברכות סג, א). רמב"ם הל׳ דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א (בהיפך הסדר שברמב"ם) ומסיים "ומי שנוהג כן עובד את בוראו תמיד". – וצע"ק שבשו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו השמיט כל מעשיך יהיו לשם שמים (אבל מציין בפנים לעיין: באדר"נ פי"ז ובח"פ להרמב"ם פ"ה, שבשניהם מקושר הנ"ל עם "בכל דרכיך דעהו" – שהובא בשו"ע אדה"ז שם). – וראה או"ת להה"מ עה, ב (סי׳ רנ"ב) ד"ה עוד נראה.

אני נבראתי לשמש את קוני: משנה וגמרא סוף מסכת קידושין.

און נאָכמער און העכער – בכל דרכיך דעהו: לקו"ש ח"ג ע׳ 907. שם ע׳ 932. ח"י ע׳ 104 ואילך. ובכ"מ, – ואף שבכלל בכל דרכיך כולל גם מעשיך לש"ש (ראה רמב"ם ושו"ע שם).

דירה לו ית׳: ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא פל"ו.

די הנהגה . . באַשטייט אין צוויי קווים . . קום ועשה . . און שב ואל תעשה: להעיר גם מתניא רפ"כ: שני דברות הראשונים אנכי ולא יהי׳ לך הם כללות כל התורה כולה. כי דבור אנכי כולל כל רמ"ח מצות עשה. ולא יהי׳ לך כולל כל שס"ה מצות ל"ת ולכן שמענו אנכי ולא יהי׳ לבד מפי הגבורה כמארז"ל מפני שהם כללות התורה כולה.

קום ועשה . . שב ואל תעשה: להעיר גם מעירובין ק, א.

אַקערן און זייען: שבת עג, א.

מסחר . . וואָכעדיקייט אין מעשה: ראה רמב"ן עה"ת (יתרו כ, ט. אמור כג, ז). ובשו"ת חת"ס (חו"מ סי׳ קצה) וצפע"נ לרמב"ם הל׳ שבת רפ"א שבת רפכ"א, מנחמי׳ (יג, טו־כב) שהוא מ"ע מה"ת ביום השביעי תשבות.

לא תעשה כל מלאכה: יתרו כ, י.

אויך ענינים פון "וואָכעדיקייט" אין מעשה ואפילו אין דיבור, פאַרבאטן: שבת קיג, סע"א ואילך. טושו"ע (ושו"ע אדה"ז) או"ח סי׳ ש"ו, ש"ז. וראה תניא קונטרס אחרון בסופו. לקו"ש חי"א ע׳ 80 ואילך ובהנסמן שם. שיחות ש"פ תזו"מ וש"פ אמור תשמ"ב. וראה לקו"ש שם גם בנוגע למחשבה.

כדבעי: ראה כתובות סז, רע"א.

ובשלימות: ראה במקומות שהובאו באוה"ת לך ד"ה ומלכי צדק (עו, ב ואילך).

שנה שלימה . . חודש העיבור: ערכין לא. א־ב. אוה"ת לתהלים יט, ח (ס"ד). וראה לקוטי לוי"צ לפסוקים כו׳ ע׳ קטו. וראה מכתב ו׳ תשרי תשל"ח* (לקו"ש חי"ד ע׳ 478 ואילך).

"מיני׳ מתברכין כולי יומי": זח"ב סג, ב. פח, א.

ראש־השנה – "קאָפּ" פון יאָר וכו׳: ראה לקו"ת תבוא מא, ג. ר"ה נח, א־ב. עט"ר בתחלתו.

אני אמרתי . . כולכם: תהלים פב, ו.

אלקים . . מלאכים: פרש"י ותרגום עה"פ. ועוד.